**<u>פֿידלער אויפֿן דאַך</u>**

פֿון ענגליש: שרגא פֿרידמאַן

**<u>טראַדיציע</u>**

טובֿיה:

אַ פֿידלער אויפֿן דאַך. משוגע, ניין? אָבער בײַ אונדז אין אַנאַטעווקע איז יעדער איינער אַ מין פֿידלער אויפֿן דאַך, וואָס וויל אויסקראַצן אַ פּשוטן האַרציקן ניגון, און נישט ברעכן דעם קאָפּ. און עס איז נישט אַזוי לײַכט. וועט איר מסתּמא פֿרעגן, פֿאַרוואָס בלײַבן מיר דאָ זיצן, אויב די סכּנה איז אַזוי גרויס? מיר בלײַבן, ווײַל אַנאַטעווקע איז אונדזער היים. און ווי האַלט מען עס טאַקע אויס? אויף דעם האָב איך איין ענטפֿער-- גאָט איז אַ פֿאָטער און הייליק איז זײַן תּורה!

ייִדן:

**טראַדיציע! טראַדיציע! טראַדיטציע!**
**טראַדיציע! טראַדיציע! טראַדיטציע!**

טובֿיה:

יאָ, אין זכות פֿון אונדזער הייליקער טראַדיציע זענען מיר אַזוי אויסגעשטאַנען דורות אויף דורות. בײַ אונדז אין אַנאַטעווקע טוט מען אַלץ לויט דער תּורה -- ווי מ'עסט, ווי מ'שלאָפֿט, און ווי מען טוט זיך אָן -- אַלץ לויט דער תּורה. למשל, אַ היטל אויפֿן קאָפּ, אַ טלית-קטן אויפֿן לײַב, אַלץ צייכן אַז גאָט איז אַ פֿאָטער און מיר זענען די שאָף. פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע: ווי אַזוי האָט זיך דאָס אַלץ אָנגעהויבן? אַ... וועל איך אײַך זאָגן, אַז איך ווייס נישט. אַזוי שטייט געשריבן. און טאַקע בזכות פֿון אונדזער תּורה ווייסט יעדער פֿון אונדז ווער ער איז, און וואָס גאָט האָט אים באַפֿוילן.

טובֿיה מיט די טאַטעס:

**ווער, טאָג און נאַכט,**
**וואָס מוז זיך מיִען און קלאָגן,**
**דאַוונען יעדן מאָרגן**
**ברענגען ברויט אַהיים.**
**און ווער האָט דאָס רעכט**
**צו זיצן אויבן אָן**
**און האָבן אויך דאָס לעצטע וואָרט?**

אַלע:

**דער טאַטע, דער טאַטע, טראַדיציע!**
**דער טאַטע, דער טאַטע, טראַדיציע!**

גאָלדע און די מאַמעס:

**ווער פֿון אונדז דאַרף אָפּהיטן אַ ייִדיש הויז,**
**אַ רויִק הויז, אַ כּשר הויז?**
**ווער דאַרף זייגן קינדער, האַלטן אויף דער שויס,**
**כּדי דער טאַטע איז פֿרײַ צו גיין אין שול?**

אַלע:

**די מאַמע, די מאַמע, טראַדיציע!**
**די מאַמע, די מאַמע, טראַדיציע!**

די בנים:

**אין חדר אַ דרײַ-יאָריקער,**
**בײַ צען אַן אַרבעטסיונג,**
**מע זאָגט, אַ כּלה וואַרט אויף מיר--**
**איך האָף -- אַ שיינע**

אַלע:
**די בנים, די בנים, טראַדיציע!**
**די בנים, די בנים, טראַדיציע!**

די טעכטער:
**און כשרן דאָס פֿלייש --**
**אַזוי ווי מאַמע הייסט,**
**און ווער וועט זײַן מײַן חתן,**
**דער טאַטע נאָר ער ווייסט.**

אַלע:
**די טעכטער, די טעכטער, טראַדיציע!**
**די טעכטער, די טעכטער, טראַדיציע!**

די טאַטעס:
**די טאַטעס!**

די מאַמעס:
**די מאַמעס!**

די בנים:
**די בנים!**

די טעכטער:
**די טעכטער!**

אַלע:
**טראַדיציע! טראַדיציע!**

טובֿיה:
און אָט אין אונדזער קליינעם שטעטל האָבן מיר געהאַט פֿאַרשיידענע טיפּן, קאָטאָרי וועלכע אָט, למשל, יענטע די שדכנטע...

יענטע:
אבֿרהם, כ׳האָב אַ גאָלדענעם שידוך פֿאַר אײַער זון. א מיידל אַ ברילִיאַנט.

אבֿרהם:
ווער איז זי?

יענטע:
רחל, דעם שוסטערס אַ טאָכטער.

אבֿרהם:
רחל, קוים וואָס זי זעט. כּמעט אין גאַנצן אַ בלינדע.

יענטע:
דעם אמת אבֿרהם, וואָס איז דאָ צו זען בײַ אײַער זון? ׳לויט דעם וואָס זי זעט, און לויט דעם ווי ער זעט אויס -- ס׳איז אַ שידוך פֿון הימל.

טובֿיה:
און ר׳ נחום דער בעטלער...

נחום:
אַ נדבֿה, שענקט אַ נדבֿה...

לייזער:
נאַט אײַך, ר׳ נחום, איין קאָפּיקע.

נחום:
איין קאָפּיקע? יענע וואָך האָט איר מיר געגעבן צוויי קאָפּיקעס?

לייזער:
כ׳האָב געהאַט אַ שוואַכע וואָך.

נחום:
נו, אַז איר האָט אַ שוואַכע וואָך, דאַרף איך לײַדן?

טובֿיה:
און דער וויכטיקסטער פֿון אַלע, אונדזער באַליבטער רבי...

מענדל:
רבי, מעג איך אײַך פֿרעגן אַ שאלה?

רבי:
וואָס פֿאַר אַ שאלה, זון מײַנער?

מענדל:
איז דען דאָ אַ ברכה פֿאַרן קייסער?

רבי:
אַ ברכה פֿאַרן קייסער? אַוודאי. *מי יתן און דער קדוש ברוך-הוא* וועט בענטשן דעם צאַר ניקאָלאַי און אָפּהיטן אים ווײַט, ווײַט פֿון אונדז!

טובֿיה:
איצט האָבן מיר פֿון "זייערע" אין אונדזער שטעטל. און זיי זײַנען אַ סך מער פֿון אונדז. יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ דער גאָראָדאָוואָי, יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ דער גלח און נאָך אַ סך יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוועס. מיר טשעפּען זיי ניט, און דאַנקען גאָט, דערווײַל טשעפּען זיי אונדז ניט. אָבער צווישן אונדז גיט מען זיך אַן עצה איינער מיטן אַנדערן. פֿאַרשטייט זיך, עס האָט אַ מאָל פּאַסירט אַז ער האָט אים פֿאַרקויפֿט אַ ציג, און אים אַהיים געשיקט אַ באָק, אָבער זיי האָבן שוין לאַנג שולם געמאַכט. הײַנט לעבן מיר אין מנוחה און מיט אַ רויִקן קאָפּ...

ערשטער מאַן:
ס׳איז געווען אַ ציג.

צווייטער מאַן:
ס׳איז געווען אַ באָק.

ערשטער מאַן:
ס׳יז געווען אַ ציג.

צווייטער מאַן:
ס׳איז געווען אַ באָק!

ייִדן:
**ציג!**

אַנדערע ייִדן:
**באָק!**

ייִדן:
**ציג!**

אַנדערע ייִדן:
**באָק!**

ייִדן:
**ציג!**

אַנדערע ייִדן:
**באָק!**

ייִדן:
**ציג!**

אַנדערע ייִדן:
**באָק!**

ייִדן:
**ציג!**

אַנדערע ייִדן:
**באָק!**

אַלע:
**טראַדיציע! טראַדיציע! טראַדיציע!**
**טראַדיציע! טראַדיציע! טראַדיציע!**

טובֿיה:
טראַדיציע. טראַדיציע. ווען ניט אונדזער טראַדיציעס וואָלטן אונדזערע נשמות שוין פֿון לאַנג געצאַפּלט ווי אַ -- ***פֿידלער אויפֿן דאַך***!

**<u>שדכנטע, שדכנטע</u>**

צײַטל:
אוי, יענטע, יענטע!

האָדל:
אָבער עמעצער מוז דאָך מזווג זיווגים זײַן.  יונגע מענטשן קענען אַזעלכע זאַכן ניט באַשליסן.

חוה:
זי קאָן נאָך אַ מאָל ברענגען עמעצן אַ שיינעם...

האָדל:
עמעצן אַ פֿײַנעם...

חוה:
און אַ רײַכן...

האָדל:
מיט ייִחוס...

**שדכנטע, שדכנטע שדכן מיר צו,**
**ווּו איז ער ווּו? טו, עפּעס, טו.**
**שדכנטע, שדכנטע, קוק אין דײַן בוך**
**און זוך מיר אַ חתן צו.**

חוה:
**שדכנטע, שדכנטע, פֿיר מיך שוין גלײַך,**
**ברענג אים צו מיר, שמאָל, לאַנג און בלײַך.**
**ברענג מיר אַ רינגעל, און טו עס נאָר בלויז--**
**די קינאה זאָל ווערן גרויס.**

האָדל:
**דער טאַטע דאַרף אויף אַ מנין.**

חוה:
**די מאַמע, דאַרף אַ רײַכן, אַ גראַף.**

חוה און האָדל:
**און איך דאַרף מאי נפֿקא-מינה**
**אַ בחור, ניט וויכטיק אויב קלוג, און שאַרף.**

**שדכנטע, שדכנטע, שדכן מיר צו,**
**הײַנט בין איך הײַנט, טו עפּעס, טו**
**ס'קומט אָן די נאַכט, ליג איך ווידער און וויין,**
**איז שדכן שוין צו-- מיר אַליין...**

צײַטל:
פֿון ווען אָן ביסטו אַזוי פֿאַרינטערעסירט מיט חתנים, חוה?  און איך האָב געמיינט, אַז דײַן נאָז שטעקט נאָר אין די ביכער.  און דו האָסט געוואָרפֿן אַן אויג אויפֿן רבינס זון.

האָדל:
פֿאַר וואָס ניט? מיר האָבן איין איינציקן רבין, און דער רבי האָט איין איינציקן זון. פֿאַר וואָס זאָל איך ניט וועלן דאָס בעסטע?

צײַטל:
ווײַל דו ביסט אַן אָרעם קינד, פֿון אַן אָרעמער היים. איז דעם ערשטן וואָס יענטע וועט ברענגען, וועסטו נעמען. ניט אַזוי? זיכער אַזוי.

**האָדל, אוי האָדל, כ׳האָב אַ שידוך פּונקט פֿאַר דיר!**
**אַ שיינער, און יונג, אַ זעכציקער מיט פֿיר.**
**אָבער אַ חתן, דאָס איז ער -- שטימט?...שטימט.**

**מיט מזל און מיט ברכה וועסטו צו חופּה גיין,**
**און וואָס וועט זײַן אַז ניין? כ׳ווייס ניט אַליין.**

**חוה, איך האָב אים. קוק אים אָן, ווי ער זיך גייט!**
**א לאַנגער-- איך מיין-- אַ לאַנגער אין דער ברייט.**
**אָבער אַ חסן דאָס איז ער -- גרייט?.. גרייט.**

**און גלייב אין דער געשיכטע אַז ער איז פֿון בראָנפֿן דיק.**
**און שלאָגן שלאָגט ער ניכטער, דאָס איז דײַן גליק.**

**האָסט געמיינט באַקומסט אַ גראַף? כ׳טו דאָס בעסטע וואָס איך קען.**
**אָן אַ נדן, אָן ייִחוס, ניטאָ קיין פּאָטשעכעס.**
**מע גיט אַ מאַן-- איז נעם!**

חוה:
**שדכנטע, שדכנטע, זעסט דאָך אַליין.**
**כ׳בין זייער יונג. ס׳ברענט נישט, איך מיין.**

האָדל:
**לאָז אונדז ניט פֿירן צום חופּה ווי שאָף**
**און האָבן אַ מיאוסן סוף.**

חוה און האָדל:
**קלײַב יענטע, אַ ייִד מיט רחמנות,**
**געדענק ביסט אויך אַ כלה געווען.**
**איך בין ניט האַרב בנאמנות...**

די טעכטער :
**איך ציטער פֿון שרעק און וויין!**

**שדכנטע, שדכנטע, טו גאָרניט, טו,**
**ס׳ברענט ניט, כ׳האָב צײַט, כ׳האָב שוין געלערנט**
**שפּילן מיט פֿײַער ווערט מען אַזש פֿאַרברענט.**

**איז, כ׳בעט אומבאַדינגט, ברענג ניט קיין רינג,**
**הײַנט, מײַנע פֿרײַנד, קריגט פֿאַר מײַן האַנט**
**א חתן פֿון חתן-לאַנד.**

**<u>ווען איך בין אַ ראָטשילד</u>**

טובֿיה:
רבונו-של-עולם, האָסט דאָך באַשאַפֿן אַ וועלט מיט אָרעמע-לײַט. און ווייסן, ווייס איך דאָך, אַז ס'איז גאָרניט קיין שאַנדע צו זײַן אַן אָרעמאַן, אָבער אַ גרויסער כּבֿוד איז דאָס אויך ניט. איז וואָס וואָלט געווען אַזוי שלעכט, ווען איך וואָלט יאָ געהאַט אַ קליינער אוצר?

**ווען איך בין אַ ראָטשילד**
**דײַדל דידל דײַדל**
**דיגע דיגע דידל דײַדל דאַם**
**גאַנצע טעג וואָלט איך זיך בידי באַם**
**ווען איך בין אַ רײַכער מאַן.**

**האַנט אין קאַלטן וואַסער**
**נישט אַרײַנגעטאָן און**
**דיגע דיגע דידל דײַדל דאַם**
**כ'וואָלט געהאַט אַ דײַדל בײַטל געלט**
**און געווען אַ זיידל איידל מאַן.**

**און כ'וואָלט מיר אויפֿגעבויט אַ הויז ווי אַ פּאַלאַץ**
**דווקא אין מיטן פֿון דער שטאָט,**
**אַ שיינעם דאַך, און אַ קוימען וואָס בלאָזט אַ רויך,**
**א לאַנגע טרעפּ פֿון האָלץ וועט לויפֿן אַרויף,**
**אַ צווייטע, נאָך לענגער, לויפֿט אַראָפּ,**
**אַ דריטע לויפֿט, איך ווייס נאָך ניט ווי הויך.**

**און ס'וועט מײַן הויף זײַן פֿול מיט קאַטשקעס און גענז.**
**די שׂונים, אַזש פּלאַצן זאָלן זיי,**
**פֿון דעם קרייען ווערן די אויגן מיד.**

**און יעדער קוואַק און קנאַק און גאָפּל און באַק,**
**דאָס הייסט: "ייִדן, איך האָב געלייגט אַן איי!"**
**און ס'הייסט נאָך, אַז דאָ וווינט אַ רײַכער ייִד.**

**ווען איך בין אַ ראָטשילד**
**דײַדל דידל דײַדל**
**דיגע דיגע דידל דײַדל דאַם**
**גאַנצע טעג וואָלט איך זיך בידי באַם**
**ווען איך בין אַ רײַכער מאַן.**

**האַנט אין קאַלטן וואַסער**
**נישט אַרײַנגעטאָן און**
**דיגע דיגע דידל דײַדל דאַם**
**כ'וואָלט געהאַט אַ דײַדל בײַטל געלט**
**און געווען אַ זיידל, איידל מאַן.**

אָט איז מײַן ווײַב, מײַן גאָלדע, זעט שוין אויס אַ גבֿירטע,
גייט מיט אַ גוידער, מיט אַ בויך,
מאַכט אַ צימעס, סתּם אין אַ פּראָסטן טאָג.
זי ווישט דעם שוויס, און זי בלאָזט זיך, גייט שוין ווי אַ פּאַווע,
און עס גייט פֿון איר אַ רויך,
כאַפּן אַלע דינסטן באַלד אַ יאָג.

און יעדער גבֿיר אין שטאָט, וועט קומען צו, און פֿרעגן מיך--
פּונקט ווי בײַ שלמה המלך-- גיט אַן עצה מיר, איך בעט!
קראַצט די באָרד, ר׳ טובֿיה, זאָגט אַ וואָרט, ר׳ טובֿיה,
אויף די שאלות אויך דער רבֿ די פּאות דרייט.

ס׳איז פֿאַר זיי קיין שום נפֿקא-מינה
צי מײַן ענטפֿער האָט אַ טעם--
ווער ס׳איז רײַך פֿאַרשטייט חזנות אויך!

ווען איך בין רײַך, האָב איך זיך צײַט און איך גיי
דרײַ מאָל אַ טאָג אין שול אַרײַן,
און איך קויף מיר אַ שטאָט בײַ דער מיזרח-וואַנט.
און כ׳לערן ש״ס און פּוסקים מיט די פֿרומע ייִדן,
גאָטעניו, ווען וועט דאָס זײַן?
אפֿשר נאָר אין אונדזער הייליק לאַנד?

ווען איך בין אַ ראָטשילד
דײַדל דידל דײַדל
דיגע דיגע דידל דײַדל דאַם
גאַנצע טעג וואָלט איך זיך בידי באַם
ווען איך בין אַ רײַכער מאַן.

האַנט אין קאַלטן וואַסער
נישט אַרײַנגעטאָן און
דיגע דיגע דידל דאַם
גאָט וואָס וואַרפֿט פֿון הימל אונדז דעם מן,
ער באַשליסט: איך בלײַב אַן אָרעמאַן,
וואָס וואָלט שוין געשטערט בײַ דיר דעם פּלאַן --
ווען איך בין אַ רײַכער מאַן?

**<u>שבת ברכה</u>**

טוביה און גאָלדע:
**טאַטע זיסער, גאָט פֿון אבֿרהם,**
**קומען זאָל משיח שוין שנעל,**
**ווײַל עס וואַרט אויף אים**
**דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון ישׂראל.**

**שׂרה, רבֿקה, רחל און לאה,**
**בענטשט די קינדער לעולמי-עד.**
**גאָטעניו מײַן גאָט,**
**און היט זיי פֿון דער פֿרעמד און שמד.**

אַלע:
**גאָט זאָל געבן פֿון מזל די קרוין--**

גאָלדע:
**און מקיים זײַן זאָל ער זײַן הייליק וואָרט.**

אַלע:
**ווען דערלעבן מיר אייניקלעך שוין?**

טוביה:
**שבת זאָל בײַם זיידנס טיש ניט זײַן קיין אָרט.**

אַלע:
**טאַטע זיסער, גאָט פֿון אבֿרהם,**
**הער דאָס קול פֿון אונדזער היים.**
**לויבן מיר דיך, גאָט, מיט שלום-עליכם,**
**מלאכי השרת.**
**אָמן.**

**<u>לחיים</u>**

טוביה:
זאָל זײַן צום גוטן!  פֿאַר ברכה און הצלחה!  פֿאַר לעבן און געזונט זײַן!  אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה! --

**זאָל זײַן מיט גליק, לחיים.**

טוביה און לייזער:
**לחיים, לחיים זאָל זײַן.**

טוביה:
**זאָל דאָ שוין לעבעדיק און פֿריילעך זײַן.**

לייזער:
**כ׳וועל ווי אַ מלך זײַן.**

טוביה און לייזער:
**אַ לחיים,**
**זאָל זײַן מיט גליק, לחיים.**
**לחיים, לחיים זאָל זײַן.**

טוביה:
**דאָס לעבן איז אַ מישמאַש פֿאַר אונדז.**

לייזער:
**ברכות און קללות אונדז.**

טוביה און לייזער:
**אַ לחיים זאָל זײַן!**

טוביה:
**ושׂמחת בחגיך**
**שטייט בײַ אונדז אַ פּסוק, פֿרייען מיר זיך דאָך.**

לייזער:
**בעסער, שטאָט צו זאָגן ״איכה״ --**
**מאַכט מען זיך אַ שׂימחה**
**וויל מען שׂמחות נאָך!**

טוביה און לייזער:
**זאָל זײַן מיט גליק, לחיים!**

טוביה:
**לחיים מײַן טאָכטער.**

לייזער:
**מײַן ווײַב.**
**דאָס איז אַ סיבה אַ טראַכט צו טאָן,**

טוביה:
**כיבע, אַ שנאַפּס צו טאָן,**

טוביה און לייזער:
**אַ לחיים זאָל זײַן.**

לייזער:
ר׳ מרדכי!

מרדכי:
יאָ, לייזער-וואָלף.

לייזער:
דערלאַנגט אַלעמען צו טרינקען.

מענדל:
וואָס איז די שׂמחה?

לייזער:
כ׳נעם מיר אַ כּלה.

מענטשן פֿון קרעטשמע:
ווען, וועמען?

לייזער:
טוביהס עלטסטע טאָכטער, צײַטלען.

מענטשן פֿון קרעטשמע:
מזל-טובֿ... אַ שׂמחה... אין אַ מזלדיקער שעה..
**צו לייזער-וואָלף!**

טוביה:
**צו טוביה!**

מענטשן פֿון קרעטשמע:
**זאָל לעבן דײַן טאָכטער.**

לייזער:
**מײַן ווײַב.**

אַלע:
**זאָל אײַך די יאָרן פֿאַרזאָרגן גאָט,**
**געדענקט־זשע זײַן צען געבאָט:**
**אַ לחיים זאָל זײַן,**
**מיט גליק, לחיים,**
**לחיים, לחיים זאָל זײַן.**
**עס איז אַ שׂמחה, די פֿרייד איז גרויס,**
**הײַנט לעבסטו, מאָרגן אויס,**
**אַ לחיים זאָל זײַן.**

**און מאַכט אַ כּוסע,**
**דווקא נאָר אַ גרויסע,**
**ס'איז אַ מזל, ייִדן,**
**וואָס מיר זענען דאָ.**
**עס האָט אַ פּנים,**
**אַז די מחותּנים,**
**קומען שוין ווינטשן אין אַ**
**מזלדיקער שעה.**

**מיט מזל און מיט ברכה,**
**און אייביק געזונט זאָלט איר זײַן!**
**און אויב דער מזל איז ניט פֿאַר אונדז,**
**נאָך משקה גיסט פֿאַר אונדז,**
**אַ לחיים זאָל זײַן.**
**דײַ - דײַ - דײַ - דײַ - דײַ - דײַ**

רוס:
**זאַ וואַשע זדאָראָוויע,**
**באָג זאָל בענטשן אײַך, נאַ זדאָראָוויע,**
**זײַט געזונט אַון לעבט מיט אונדז צוזאַמען אין פֿרייד.**

**זאַ וואַשע זדאָראָוויע,**
**באָג זאָל בענטשן אײַך, נאַ זדאָראָוויע,**
**זײַט געזונט אַון לעבט מיט אונדז צוזאַמען אין פֿרייד.**

רוסן:
**אויך די גוים וועלן טרינקען אײַער פֿלעשל ווײַן.**
**מאָרגן, אויב איר מאַכט אַ שׂמחה, רופֿט אונדז שנעל אַרײַן.**

**זאַ וואַשע זדאָראָוויע,**
**באָג זאָל בענטשן אײַך, נאַ זדאָראָוויע,**
**זײַט געזונט און לעבט מיט אונדז צוזאַמען אין פֿרייד.**

טובֿיה:
**לחיים!**

**<u>עס קומט אַ טאָג</u>**

פּערטשיק, שפּרינצע,ביילקע:
געדענקט קינדער...
יאָ, פּערטשיק.
יאָ, פּערטשיק.

**ווען דער ים וועט פֿאַרפֿלייצן די גאַנצע ערד.**
**קומט אַ טאָג שוין, קומט אַ טאָג.**

**וועלן אָרעם און רײַך ווערן איבערגעקערט.**
**קומט אַ טאָג שוין, קומט אַ טאָג.**

**ווען מיליאָנען הענט, צעבונדן פֿרײַ,**
**וועלן עפֿענען די טירן פֿון דער וועלט אויף נײַ**

**און די קייט ווערט צעבראָכן, די בײַטש פֿאַרברענט,**
**און דער שווערד ווערט געשמידט מיט אַן אײַזן.**

**קומט אַ טאָג שוין, קומט אַ טאָג.**

**<u>זיי האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט</u>**

טוביה:
**זיי האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט.**
**הפקר-פּעטרישקע.**
**איר האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט?**
**אומגלויבלעך!**

**און ווו זשע מיינט איר, איר זענט?**
**אין מאָסקווע?**
**פּאַריזקווע?**
**ווו מיינען זיי, זיי זענען?**
**אַמעריטשקע?**
**און וואָזשע קענסטו דען, וואָס?**
**פּאַסטריגעווען, דו גאָרנישט?**
**און ווער־זשע מיינסטו דו ביסט?**
**שלמה המלך?**

**מע טוט עס נישט אַזוי**
**ביי אונדז, איך מיין,**
**ס'איז פֿאַראַן צייטן ווען כ'מוז זאָגן ניין.**

**טראַדיציע--**
**שידוכים זענען געמאַכט פֿונעם טאַטן --**
**דאָס טאָר אַנדערש ניט זיין.**
**ס'פּערדל, אויב ס'לויפֿט אַליין באַרג אַראָפּ,**
**ווו שטעלט זיך עס אָפּ?**
**ווו שטעלט זיך עס אָפּ?**

ווו שטעלט זיך עס אָפּ? צי האָב איך אַ שטיקל דעה צו זאָגן אויף מיין קינד? אָדער פֿרעגט מען שוין נישט אַ טאַטן?

מאָטל:
איך גיב אייך מיין וואָרט, ר' טוביה, אייער טאָכטער וועט ביי מיר פֿון הונגער ניט שטאַרבן.

טוביה:
איצט רעדט ער עפּעס ווי אַ מענטש. און צוריק געשמועסט: וואָס פֿאַר אַ שידוך וועט עס זיין מיט אַן אָרעמען שניידער? און צוריק געשמועסט: ער פֿאַרמאָגט דאָך אָבער גאָרניט. און צוריק געשמועסט: ערגער קאָן שוין ביי אים ניט זיין, ס'קאָן נאָר זיין בעסער.

**זיי האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט.**
**הפקר-ציבעלעס.**
**זיי האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט--**
**אומגלויבלעך!**

**טוט אָבער אַ קוק אויף איר--**
**זי וויל אים, דאָס טראַכט זי--**
**שטייט דאָך אַ פּסוק ביי מיר, סלחתי.**

ובכן קינדער, ווען שטעלן מיר די חופּה?

צײטל:
אַ דאַנק דיר, טאַטע.

מאָטל:
אַ דאַנק דיר, טאַטע.

טובֿיה:
אַ דאַנק דיר, טאַטע! *ה' נתן וה' לקח* -- זײ האָבן זיך אַלײן געגעבן, זײ האָבן גענומען! הײנטיקע קינדער!

**<u>נסימלעך-ונפֿלאָות</u>**

מאָטל:
אַ נס מן-השמים! אַ נס-השמים!

**גאָט, ס'איז אַ ווונדער, נסימלעך-ונפֿלאָות,**
**פּונקט ווי בײַ משהן מיט דער שטיין.**
**שטאָט אים צו בעטן, האָט ער אים דערלאַנגט אַ שטויס.**
**אַז דאָס וואַסער זאָל שוין גיין.**

**גאָט, ס'איז אַ ווונדער, נסימלעך-ונפֿלאָות,**
**איך האָב געמיינט, אַז ס'האַלט שוין שלעכט,**
**דאָך פֿון מצרים פֿירסטו, גאָט, דײַן פֿאָלק אַרויס,**
**און געגנוג שוין זײַן אַ קנעכט.**

**ווען פּרעה האָט דערלויבט צו גיין,**
**דאָס איז אַ נס געווען.**
**ווען גאָט האָט געשפּאָלטן דעם ים אויף צוויי,**
**דאָס איז אַ נס געווען, אויך.**

**פֿון די אַלע נסימלעך קליין און גרויס,**
**דאָס גרעסטע פֿון אַלע נפֿלאָות,**
**איז געשען צו מיר, זײַ גאָט געבענטשט--**
**האָסט פֿון מיר געמאַכט אַ מענטש.**

**גאָט ס'איז אַ ווונדער, נסימלעך-ונפֿלאָות,**
**גאָט נעמט אַ שנײַדער בײַ דער האַנט,**
**פֿירט אים אַרײַן און נסימלעך-ונפֿלאָות,**
**אין דעם אויסדערוויילטן לאַנד.**

**האָט דוד מעשׂה-העלד געמאַכט,**
**דאָס איז אַ נס געווען.**
**און הנוכּה צינדט מען ליכטלעך אַכט,**
**דאָס איז אַ נס געווען אויך.**

**דאָך פֿון די אַלע נסימלעך קליין און גרויס,**
**דער גרעסטער פֿון אַלע נפֿלאָות,**
**איז דער נס וואָס דאַכט זיך קען ניט זײַן**
**איך בין דײַנס און דו ביסט מײַנס.**

**<u>דער חלום</u>**

טובֿיה:
געוואַלד! געוואַלד!

גאָלדע:
טובֿיה, שטיי אויף. טובֿיה, וואָס איז דיר. וואָס געוואַלדעוועסטו?

טובֿיה:
ווו איז זי ערגעץ? ווו איז ווי ערגעץ?

גאָלדע:
ווער איז? וועמען זוכסטו?

טובֿיה:
פֿרומע-שׂרהן. פֿרומע-שׂרה, לייזער-וואָלפֿס ווײַב, איז דאָ נאָר וואָס געשטאַנען.

גאָלדע:
פֿרומע-שׂרה, לייזער-וואָלפֿס, זאָל זײַן אָפּגעשיידט, איז שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט. עס האָט זיך דיר געחלומט אַ חלום. שפּײַ אויס דרײַ מאָל און דערצייל מיר וואָס האָט זיך דיר געחלומט, וועל איך דיר אויסלייגן צו גוטן.

טובֿיה:
איז דאָס געווען אַ שרעק.

גאָלדע:
דערצייל שוין.

טובֿיה:
נאָר. בעטן וועל איך דיך, זאָלסט זיך נאָר ניט שרעקן.

גאָלדע:
דערצייל שוין.

טובֿיה:
הער זשע דעם חלום, וואָס האָט זיך מיר געחלומט. קודם-כּל האָט זיך מיר געחלומט, אַז ס'איז בײַ אונדז אַ שׂמחה: מענטשן אַ סך, ייִדן און ווײַבער, הײַנט קלעזמאָרים...דערווײַל עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דײַן באָבע צײַטל, עליה-השלום.

גאָלדע:
מײַן באָבע צײַטל? ווי אַזוי האָט זי אויסגעזען?

טובֿיה:
פֿאָר אַ ייִדענע וואָס לעבט שוין ניט דרײַסיק יאָר האָט זי גאַנץ גוט אויסגעזען. פֿאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב איר דעלאַנגט אַ ברוך-הבא. מאַכט זי צו מיר--

באָבע צײַטל:
**אַ שׂמחה דאָ בײַ נאַכט.**

דער רבֿ:
**מזל-טובֿ, מזל-טובֿ.**

באָבע צײַטל:
**אַ חתונה געמאַכט.**

דער רבֿ:
**מזל-טובֿ, מזל-טובֿ.**

באָבע צײַטל:
**אַן איידעם אַ בריליאַנט,**
**ווי זעט מען דאָס אין לאַנד,**
**דער שנײַדער מאָטל-קאַמזויל.**

גאָלדע:
מאָטל?

באָבע צײַטל:
**אַן ערלעך קינד איז דאָס.**

דער רבֿ:
**מזל-טובֿ, מזל-טובֿ.**

באָבע צײַטל:
**אַ ייִחוס מיט אַ זכות.**

דער רבֿ:
**און הייסן, הייסט ער נאָך--**
**מײַן פֿעטער מרדכן, דאָך,**
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל.**

גאָלדע:
אַ שנײַדער?! זי האָט זיכער שלעכט געהערט. זי מיינט אַ קצבֿ.

טובֿיה:
**האָסט שלעכט געהערט, באָבעניו,**
**ניט קיין שנײַדער.**
**דו מיינסט אַ קצבֿ, באָבע,**
**וואָס ער הייסט גאָר לייזער-וואָלף.**

באָבע צײַטל:
**ניין!!!**

**איך מיין אַ שנײַדער, טובֿיה,**
**מײַן איייניקל,**
**מײַן קינד, מײַן צײַטל, ווײַל זי הייסט נאָך מיר,**
**מאָטל מוז נאָר זײַן פֿאַר איר.**
**דעם שדוך איז זי ווערט.**

כאָר:
**מזל-טובֿ, מזל-טובֿ.**

באָבע צײַטל:
**פֿון הימל איז באַשערט.**

כאָר:
**מזל-טובֿ, מזל-טובֿ.**

באָבע צײַטל:
**אַ בחור אַ שטיק גאָלד,**
**נאָר אים האָב איך געוואָלט.**
**דעם שנײַדער מאָטל קאַמזויל.**

גאָלדע:
די גאַנצע וועלט ווייס שוין. דאָס וואָרט געגעבן האָבן מיר דעם קצבֿ.

טובֿיה:
**די גאַנצע וועלט ווייס, באָבע**
**מיט די שכנים,**
**דאָס וואָרט געגעבן באָבע,**
**מיט דעם קצבֿ לייזער-וואָלף.**

באָבע צײַטל:
ניין!!!

**זאָל די וועלט וויסן, טובֿיה,**
**מהיכא-תּיתי.**
**וואָס שײַך לייזער-וואָלף, איז הער זיך צו,**
**טובֿיה, זוך אַן עצה דו.**

כאָר:
**אַ ברכה אין דײַן הויז, מזל-טובֿ, מזל-טובֿ.**
**דו ווייסט נאָך ניט, ווי גרויס, מזל-טובֿ, מזל-טובֿ.**
**אַ בחור אַ בריליאַנט.**
**ווו זעט מען דאָס אין לאַנד,**
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל.**

טובֿיה:
ס'געוועוען אַ קצבֿ!

כאָר:
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל.**

טובֿיה:
ס'איז לייזער-וואָלף!

כאָר:
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל.**

**שאַ! שאַ!**
**קוק!**
**ווער איז דאָס?**
**ווער איז דאָס?**
**ווער קומט אָן?**
**ווער? ווער? ווער? ווער? ווער?**
**וואָס פֿאַר אַ געשטאַלט?**
**צו אַל די בייזע רוחות!**

שטימען:
**ס'קאָן ניט זײַן!**
**ניין?**
**אפֿשר יאָ?**
**אוי וויי!**
**לאָמיר זאָגן סליחות!**

כאָר:
**אוי, דעם קצבֿס ווײַב קומט אָן פֿון יענער וועלט**
**ס'איז דעם קצבֿס ווײַב, קוקט ווי זי גייט און שעלט.**
**פֿרומע-שׂרה, פֿרומע-שׂרה,**
**פֿרומע-שׂרה, פֿרומע-שׂרה, פֿרומע-שׂרה.**

פֿרומע-שׂרה:
**האָט דײַן טאָכטער טאַקע חתונה שוין מיט מײַן לייזער?**

כאָר:
**מיט איר לייזער.**

פֿרומע-שׂרה:
**פֿע, דאָס וועסטו דאָך ניט טאָן דײַן שכנה פֿרומע-שׂרה!**

כאָר:
**פֿרומע-שׂרה.**

פֿרומע-שׂרה:
**האָסטו טאַקע קיין רחמנות ניט אויף מײַן נשמה?**

כאָר:
**איר נשמה.**

פֿרומע-שׂרה:
**און דו גיסט אַוועק מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן פֿאַר אַ פֿרעמדע.**

כאָר:
**גאָר אַ פֿרעמדע.**

פֿרומע-שׂרה:
**וואָס איז דער טײַטש? זאָג זשע וואָס?**
**פֿאַר וואָס דײַן טאָכטער זאָל מיך ירשענען?**
**נעמט צו מײַן שטוב, און וואָס זי קאָן,**
**און מײַנע פּערל אויך, סטײַטש.**

כאָר:
**סטײַטש, דו לאָזט אַזוי דײַן טאָכטער--**
**איר ירשענען?**

פֿרומע-שׂרה:
**פּערל!**

כאָר:
**שטוב!**

פֿרומע-שׂרה:
**פּערל!**

כאָר:
**אַלץ!**

פֿרומע-שׂרה:
**פּערל!**

כאָר:
**נעמט!**

פֿרומע-שׂרה:
**פּערל!**

כאָר:
**סטײַטש!**

פֿרומע-שׂרה:
**טובֿיה!**

כאָר:
**טובֿיה!**

פֿרומע-שׂרה:
**אַזאַ למדן ווי דו, טובֿיה, וועט עס ניט דערלויבן.**

כאָר:
**ניט דערלויבן.**

פֿרומע-שׂרה:
**זאָג מיר, אַז ס'איז ניט געשטויגן, וועל איך מיר אַנטלויפֿן.**

כאָר:
**מיר אַנטלויפֿן.**

פֿרומע-שׂרה:
**שווער זיך, אַז דײַן טאָכטער וועסטו ניט צום חופּה פֿירן.**

כאָר:
**חופּה פֿירן.**

פֿרומע-שׂרה:
**און אויב ניט, הער, ווי אַזוי איך קום און שטער דײַן שׂמחה.**

כאָר:
**שטער דײַן שׂמחה. שששש!**

פֿרומע-שׂרה:
**האָט צײַטל חתונה מיט לייזער-וואָלף,**
**אַז אָך און וויי צו זיי.**
**זי'ט לעבן מיט אים דרײַ וואָכן.**
**און ווען די דרײַ וואָכן גייען אויס,**
**קום איך צו איר בײַ נאַכט,**
**און כ'נעם זי אָן בײַם האַלדז, און....**

**האַק איך אָן דײַן צײַטל,**
**קנאַק איך אָן דײַן צײַטל,**
**האַק איך אָן דײַן צײַטל, אַאַאַאַאַ!**
**נאַ דיר דײַן דרשה-געשאַנק אויב זי נעמט מײַן לייזער-וואָלף!**

גאָלדע:
אין טײַך זאָל דאָס פֿאַלן! אין דער ערד זאָל דאָס זינקען! טפֿו, טפֿו, טפֿו! אַ בייזער, אַ וויסטער, אַ פֿינסטערער חלום אויף דעם קצבֿס קאָפּ און אויף זײַנע הענט און פֿיס! מסתּמא, אַז מײַן באָבע צײַטל, איז זיך מטריח פֿון יענער וועלט קומען אַהער אָפּגעבן מזל-טובֿ, באַדאַרפֿן מיר זאָגן, ס'זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה, אַ מזלדיקער, אָמן-סלה.

טובֿיה:
אָמן-סלה.

גאָלדע:
**אַ ברכה אויף מײַן קאָפּ, מזל-טובֿ, מזל-טובֿ,**
**מײַן באָבע צײַטל זאָגט, מזל-טובֿ, מזל-טובֿ.**
**אַן איידעם אַ בריליאַנט,**
**פֿון מײַן משפּחה שטאַמט,**
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל.**

טובֿיה:
**און וואָס מיט יענעם יאַט?**

גאָלדע:
**מזל-טובֿ, מזל-טובֿ,**

טוביה:
**ס'איז גאָרניט אַזוי גלאַט.**

גאָלדע:
**מזל-טובֿ, מזל-טובֿ,**

טוביה:
**טאָ האַלט דאָס באָבעס וואָרט,**
**און נעם, ווי הייסט ער דאָרט?**

גאָלדע:
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל.**

טוביה און גאָלדע:
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל,**
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל,**
**דער שנײַדער מאָטל קאַמזויל!**

**<u>טאָג-אײַן, טאָג אויס</u>**

טובֿיה:
**איז דאָס מײַן מיידעלע, דאָס קליינע?**
**איז עס דאָס יִינגעלע, איך זע?**

גאָלדע:
**גיט נאָר אַ קוק, ווי שוין דערוואַקסן**
**זענען זיי?**

טובֿיה:
**ווען איז זי אַזוי שיין געוואָרן?**
**ווען איז ער אויסגעוואַקסן הויך?**

גאָלדע:
**ערשט נעכטן האָבן זיי געשפּילט אין הויף.**

מענער-כאָר:
**טאָג-אײַן, טאָג-אויס,**
**טאָג-אײַן, טאָג-אויס,**
**דאָס איז אונדזער לוין,**
**ס'קערנדל האָט געגעבן בלומען**
**און איבער נאַכט וואַקסט אויס אַ בוים.**

פֿרויען-כאָר:
**טאָג-אײַן, טאָג-אויס,**
**טאָג-אײַן, טאָג-אויס,**
**דאָס איז דײַן באַשער.**
**לויפֿן די יאָרן נאָך אַנאַנדער,**
**טראָגן זיי פֿריידן מיט אַ טרער.**

טובֿיה:
**זאָל איך מיט עצהות זיי פֿאַרזאָרגן?**
**זאָל איך זיי העלפֿן אפֿשר, זאָג?**

גאָלדע:
**גאָט, העלף זיי יעדערן פֿרימאָרגן,**
**טאָג בײַ טאָג.**

פּערטשיק:
**זיי זעען אויס ווי נײַ-געבוירן.**

האָדל:
**פּונקט ווי אַ נײַ פּאָרפֿאָלק זעט אויס.**

פּערטשיק און האָדל:
**איז נאָך אַ חופּה דאָ פֿאַר אונדז , נאָר בלויז?**

אַלע:
**טאָג-אײַן, טאָג-אויס,**
**טאָג-אײַן, טאָג-אויס,**
**דאָס איז דײַן באַשער.**
**לויפֿן די יאָרן נאָך אַנאַנדער,**
**טראָגן זיי פֿריידן מיט אַ טרער.**

**<u>איצט האָב איך די גאַנצע וועלט</u>**

פּערטשיק:
איך בין זייער גליקלעך האָדל.  זייער גליקלעך.

האָדל:
איך אויך, פּערטשיק.  וואָס איז?

פּערטשיק:
**ביז איצט האָב איך געמיינט,**
**אַז כ'האָב די גאַנצע וועלט,**
**איז דאָס אַ ליגן געווען.**
**כ'האָב זיך אַ ציל געשטעלט,**
**צו ענדערן די וועלט--**
**איז דאָס אַ נס דאָ געשען.**

**עס איז מיר שוין כּדאַי צו שטאַרבן,**
**כ'האָב שוין מיט וועמען צו לעבן אויך.**

**איצט האָב איך די גאַנצע וועלט,**
**ניט בלויז די גאַנצטע וועלט**
**און אפֿשר טאַקע נאָך מער,**
**אחוץ דעם וואָס כ'האָב די וועלט,**
**ביסטו מיר אויך נאָך באַשערט.**

**גיי ווייס, פֿון וואַנען**
**נעמט זיך אַזאַ ווײַב,**
**וואָס וועט דיר געטרײַ זײַן, געטרײַ אין האַרץ און לײַב.**

האָדל:
**כ'בין געשטאַנען אין דער זײַט**
**אָפּגעוואַרט דיך.**

פּערטשיק:
**ווער ווייסט, אויב מאָרגן**
**האָבן מיר אַ היים?**

האָדל:
**דו ביסט מײַן היים , טאָ**
**לאָז מיך ניט אַליין**

פּערטשיק:
**וואַרטן וועסטו ניט אַ יאָר.**

האָדל און פּערטשיק:
**פּשוט און קלאָר.**

**עס איז מיר כּדאַי שוין צו שטאַרבן**
**כ'האָב שוין מיט וועמען צו לעבן, אויך.**

פערטשיק:

**איצט האָב איך די גאַנצע וועלט,**
**ניט בלויז די גאַנצטע וועלט**
**און אפֿשר טאַקע נאָך מער,**
**אחוץ דעם וואָס כ'האָב די וועלט,**
**ביסטו מיר אויך נאָך באַשערט.**

**<u>טוביהס ענטפֿער</u>**

טוביה:
**כ'גלייב ניט אַליין וואָס איך הער, מײַן ברכה? פֿאַר וואָס?**
**אויף צו לחכעיס מיר צו טאָן? אוממעגלעך!**
**אַפֿילו צײַטל און מאָטל האָבן געבעטן, געטענהט.**
**און איצט, צי וויל איך, צי ניט,**
**אַ חתונה!**
**טאָ וואָס ווילט איר דען פֿון מיר? איז גייט און שוין.**
**די באָרד רײַסט אַרויס,**
**און אַלץ איז שוין אויס.**

**טראַדיציע!**
**הײַנט די קינדער האָבן ניט מורא**
**פֿאַר דעם טאַטן.**
**און וואָס וועט זײַן מיט אונדזער תּורה?**
**איין מאָל געלאָזט דאָס פֿערדל אַליין--**
**אַוווּ וועט דאָס גיין? ווּ וועט דאָס גיין?**

ווּ וועט דאָס גיין? איר זעט דאָך אַליין. אַ מענטש זאָגט מיר אָן, אַז ער גייט חתונה האָבן. ער בעט ניט בײַ מיר, ניין, ער זאָגט מיר נאָר אָן. אָבער איידער וואָס מאַכט ער זי פֿאַר אַן עגונה.

האָדל:
ער מאַכט מיך ניט פֿאַר קיין עגונה, טאַטע.

פערטשיק:
ווי באַלד איך וועל נאָר קאָנען, שיק איך נאָך איר און האָב מיט איר חתונה. איך האָב זי ליב.

טוביה:
*"איך האָב זי ליב."* ליבע. אַ נײַער חידוש. און צוריק געשמועסט, אונדזערע אַלטע מנהגים זענען דאָך אַ מאָל געווען אַ חידוש, ניט אַזוי? און צוריקגעשמועסט, אַ שידוך אָן אַ טאַטן, אָן אַ שדכן? און צוריק געשועסט, האָבן אָדם און חוה דען געהאַט אַ שדכן? אַוודאי געהאַט. ווײַסט אויס, אַז די צוויי האָבן געהאַט דעם זעלבן שדכן.

**מיר אײַף צו לחכעיס געטאָן --**
**ווּ זעט מען דאָס דען?**
**גיב זיי אַ ברכה, דאָס פֿאָר**
**אַ חוצפּה.**
**כ'וועל זי פֿאַרשליסן אין שטוב,**
**איך קאָן ניט -- איך מוז!**
**שטראַלן די אויגן בײַ איר--**
**מיט ליבע.**
**טראַדיציע!**

**<u>ליבסט מיך, סערצע?</u>**

טובֿיה,
ער איז אַ גוטער בחור, גאָלדע. ער געפֿעלט מיר. ער איז אַ ביסל אַ צעדרייטער, אָבער אָנגעזאַפּט מיט יושר פֿון אויבן ביז אַראָפּ. ער געפֿעלט מיר. ועל-כּולם, האָדל: ווי שטייט דאָרט געשריבן? אהבֿתּי -- ער וויל זי, זי וויל אים. טאָ וואָס קאָן מען טאָן? ס'איז אַ נײַע וועלט, אַ נײַע וועלט. ליבע. גאָלדע --

**ליבסט מיך, סערצע?**

גאָלדע:
**צי איך וואָס?**

טובֿיה:
**ליבסט מיך, סערצע?**

גאָלדע:
**צי איך ליב דיך?**
**פֿירן טעכטער צו דער חופּה,**
**און עס קאָכט בײַ אונדז אין הויז.**
**ביסט שוין גאַנץ גוט צעדרייט.**
**גיי אין שטוב, שלאָף זיך אויס.**
**מסתּמא לײַדסטו פֿון מאָגן.**

טובֿיה:
גאָלדע, כ'וויל דיר פֿרעגן אַ פֿראַגע --
**ליבסט מיך, סערצע?**

גאָלדע:
**ביסט אַ נאַר.**

טובֿיה:
איך ווייס.
**אָבער ליבסט מיך, סערצע?**

גאָלדע:
**צי איך ליב דיך?**
**פֿאַר פֿינף און צוואַנציק יאָר וואָס כ'וואַש דײַן וועש,**
**כ'רײַב און פּוץ טעפּ פֿון מעש.**
**כ'האָדעווע קינדער, כ'מעלק די קו.**
**נאָך פֿינף און צוואַנציק יאָר, פֿאַלט ליבע דיר אײַן,**
**נאַר דו?**

טובֿיה:
**גאָלדע, ווען כ'האָב דיר דערזען**
**אין אַ לאַנג, ווײַס חופּה-קלייד.**
**צאַפּלדיק...**

גאָלדע:
**כ'בין פֿאַרשעמט.**

גאָלדע:
**און מײַן האַרץ.**

גאָלדע:
**האָט געקלעמט.**

טוביה:
**זאָגט מײַן טאַטע און מײַן מאַמע**
**אַז מ'עט ליבן זיך מסתּמא.**
**דעריבער פֿרעג איך, גאָלדע:**
**ליבסט מיך, סערצע?**

גאָלדע:
**כ'בין דײַן ווײַב.**

טוביה:
איך ווייס--
**ליבסט מיך, סערצע?**

גאָלדע:
**צי איך ליב אים?**
**ס'איז פֿינף און צוואַנציק יאָר וואָס כ'לעב מיט אים,**
**כ'עס מיט אים, כ'פֿאַסט מיט אים,**
**אַלעס מיט אים -- בײַ נאַכט, בײַ טאָג,**
**איז דאָס ניט ליבע, זאָג?**

טיביה:
**ליבסט מיך, טאַקע?**

גאָלדע:
**דאַכט זיך מיר אַזוי.**

טוביה:
**איז דאַכט זיך מיר, אַז כ'ליב דיך אויך.**

טוביה און גאָלדע:
**ס'איז הײַנט קיין חילוק נישט,**
**כאָטש ס'איז אַלץ איינס,**
**נאָך פֿינף און צוואַנציק יאָר,**
**גוט אַז מען ווייסט.**

**<u>דער קלאַנג</u>**

יענטע:
מירעלע, מירעלע, האָב איך פֿאַר דיר נײַעס, אַזוינס און אַזעלכעס.

**גערדענקסטו פּערטשיק, דעם תּלמיד-חכם?**
**גערדענקסטו דאָס סטודענטל?**
**וואָס האָט באַפֿוילן מאָטלען--**
**"גיי מאַך אַ חופּה-טענצל,**
**און דווקא גאָר מיט האָדלען"**
**איז, הער זיך צו --**
**דער פּערטשיק זיצט אין תּפֿיסה, אין קיִעוו.**

אַלע:
**ניין!**

יענטע:
**יאָ!**

ערשטער פֿרוי:
רבֿקה, רבֿקה, וואַרט און הערט אַ מעשׂה:

**געדענקסטו פּערטשיק, דעם תּלמיד-חכם?**
**געדענקסטו דאָס סטודענטל?**
**וואָס האָט געטאַנצט מיט האָדלען?**
**איז, הער זיך צו אַז האָדל זיצט אין תּפֿיסה, אין קיִעוו.**

אַלע:
**ניין, שרעקלעך, שרעקלעך!**

צווייטער פֿרוי:
מירעלע, מירעלע, האָב איך פֿאַר דיר נײַעס, פֿרעג שוין ניט:

**געדענקסט דעם למדן פּערטשיק,**
**דער לערער פֿון קיִעוו,**
**געדענקסטו זײַנע מעשׂים,**
**אויף מאָטלס-צײַטלס שׂמחה?**
**איז הער זיך צו--**
**זיצט מאָטל שוין אין תּפֿיסה,**
**פֿאַר טאַנצן בײַ דער חופּה.**

אַלע:
**ניין!**

צווייטע פֿרוי:
**אין קיִעוו!**

מענדל:
רבי! רבי!

**איר ווייסט, אַז פּערטשיק, ר' פּערטשיק, בעל-מחשבֿות,**
**וואָס האָט געהייסן טובֿיהן**
**ער זאָל מיט גאָלדען טאַנצן?**
**איז הערט זיך צו--**
**זיצט טובֿיה שוין אין תּפֿיסה,**
**און גאָלדע גייט קיין קיִעוו.**

אַלע:
ניין!

מענדל:
גאָט באַהיט!

אַלע:
ווען גייט זי?

מענדל:
שוין איצט!

אבֿרהם:
ייִדן, הערט אַ מעשׂה, אַ שטראָף פֿון גאָט -- אַ שטראָף --

**דאָס אַלץ האָט פּערטשיק**
**אונדז אָנגעמאַכט אַ צרה.**
**איז הערט זיך צו, די מעשׂה איז אַזוי:**

אַלע:
וואָס?

אַבֿרהם:
**אַז גאָלדע זיצט אין תּפֿיסה,**
**און האָדל גייט קיין קיִעוו.**
**מאָטל לערנט טאַנצן,**
**און טובֿיה איז אויס מענטש.**
**שפּרינצע פּאָקט און מאָזלט,**
**און ביילקע הוסט און ניסט.**

יענטע:
**און זעט וואָס קומט ווען מענער און ווײַבער טאַנצן!**

**<u>ווײַט פֿון מײַן ליבער היים</u>**

האָדל:
ער איז געשיקט געוואָרן קיין סיביר.

טובֿיה:
סיביר! און ער פֿאַרלאַנגט פֿון דיר פֿאַרלאָזן טאַטע-מאַמע, און זײַן מיט אים אין דער קאַלטער וויסטעניש, און דאָרט מיט אים חתונה צו האָבן?

האָדל:
ניין, טאַטע, ער פֿאַרלאַנגט פֿון מיר גאָרניט. איך וויל צו אים גיין. איך וויל ניט ער זאָל זײַן אַליין. איך וויל אים העלפֿן אין זײַן אַרבעט. דאָס איז דאָס גרעסטע וואָס איך דאַרף טאָן.

טובֿיה:
האָדל, מײַן קינד-- האָדל

האָדל:
טאַטע --

**וואָס זאָל איך טאָן, דו זאָלסט מיך גוט פֿאַרשטיין,**
**הער, פֿאַרוואָס טו איך דאָס,**
**אין אַ פֿאַרוואָרפֿן לאַנד פֿאָר איך אַליין**
**ווײַט פֿון מײַן ליבער היים.**

**יאָ, ס'איז אַמאָל פֿאַר מיר גענוג געווען,**
**טאַקע בלויז אונדזער הויז,**
**נאָענט מיט משפּחה און מיט אַלעמען**
**דאָס איז געווען מײַן היים.**

**איצט פֿאַרשטיי, אַז ער וואַרט אויף מיר,**
**און מיט אים צו זײַן איז מײַן פֿליכט.**
**ס'ווילט זיך זײַן מיט אים שוין גיך**
**כאָטש די אַלטע היים רופֿט מיך.**

**טאַקע דערפֿאַר רײַסט מיר דאָס האַרץ און ציט,**
**כ'וויל מײַן היים, כ'וויל אויך אים.**
**איז דאָס אַ חלום וואָס איז מיר צעבליט,**
**ווײַט פֿון מײַן ליבער היים?**

**דאָ, ווו מײַן האַרץ וויל בלײַבן דאָ אַליין**
**איך מוז גיין, איך מוז גיין.**
**איצט וועל איך בלאָנדזשן עלנט ווי אַ שטיין.**
**ווײַט פֿון מײַן ליבער היים.**

**ווײַל,**
**ער איז פֿאַר מיר מײַן היים.**

**<u>חוהלע</u>**

טובֿיה:
**קינד, מײַן קינד, טײַער הוהלע,**
**כ'קאָן גאָרניט פֿאַרשטיין**
**וואָס איז דאָ געווען**
**ס'איז מיר עפּעס ענג די וועלט.**
**אַלץ וואָס איך זע איז אַ מיידעלע,**
**קליין ווי אַ פֿייגעלע,**
**חוהלע, חוהלע.**

**אוי מײַן קינד, טײַער חוהלע,**
**אלע מאָל געווען אַ זיס און פּרעכטיק קינד**
**ווויל און גוט צו אַלעמען,**
**אוי, אַזוי שיין שיינע פֿייגעלע,**
**אַזאַ זיס קליינע פֿייגעלע,**
**חוהלע, חוהלע.**

חוה:
הער מיך אויס טאַטע, זאָל איך *שטאַרבן* אויב דו וועסט זיך רירן פֿונעם אָרט! איך בעט דיך, הער מיך אויס פֿריער, טאַטע.

טובֿיה:
אויסהערן זי? ווי אַזוי? קאָן איך ניט פֿאַרגעסן וואָס זי האָט אָפּגעטאָן? און צוריק געשמועסט, *שטייט* דאָך *כּרחם אָבֿ על בנים*, ניטאָ קיין שלעכט קינד בײַ אַ טאַטן. און צוריק געשמועסט, צינדט זיך אָן אַ פֿײַער בײַ מיר אין האַרצן אויף איר. ניטאָ קיין צוריק געשמועסט, ניטאָ קיין צוריק! ניין, חוה. ניין-- ניין-- ניין!

חוה:
טאַטע! טאַטע!

אַלע:
**טראַדיציע, טראַדיציע, טראַדיציע!**

**<u>אַנאַטעווקע</u>**

שיינדל:
אָפּגעלעבט אַ לעבן, אַ שטיקל פּאַפּיר און לך-לך.

מענדל:
רבי, ס'גאַנצע לעבן האָבן מיר אויסגעקוקט אויף משיחן. איז ניט איצט די ריכטיקע צײַט פֿאַר אים צו קומען?

דער רבֿ:
וועלן מיר אים אָפּוואַרטן ערגעץ ווו אַנדערש. דערווײַל לאָמיר זיך שטעלן פּאַקן.

יענטע:
מילא, אַ גן-עדן איז אַנאַטעווקע קיין מאָל ניט געווען.

אַבֿרהם:
ס'איז אויך אמת.

גאָלדע:
אייגנטלעך, וואָס האָבן מיר דאָ?

**אַ ביסעלע פֿון דעם,**
**אַ ביסעלע דו נעם,**

יענטע:
**אַ טאָפּ,**

לייזער:
**אַ פֿאַן,**

מענדל:
**אַ באַרשט,**

אבֿרהם:
**אַ הוט.**

טובֿיה:
מ'האָט שוין לאַנג באַדאַרפֿט דאָ אונטערלייגן אַ שוועבעלע און ברענען זאָל עס.

מענדל:
אַ באַנק,

אבֿרהם:
אַ בוים,

גאָלדע:
אַן אויוון אויך,

לייזער:
און אַ שטוב.

מענדל:
מענטשן וואָס פֿאָרן פֿאַרבײַ אַנאַטעווקע ווייסן גאָרניט אז זיי זענען דאָ געווען.

גאָלדע:
**אַ שטיקל האָלץ,**

יענטע:
**אַ סמאַטע בלויז.**

אַלע:
**וואָס בלײַבט שוין דאָ?**
**ניט אַ סך.**
**ס'בלײַבט נאָר אַנאַטעווקע...**

**אַנאַטעווקע, אַנאַטעווקע,**
**ביסט פֿאַריאָגט, ביסט פֿאַרפֿלאָגט, אַנאַטעווקע,**
**דאָ האָט דער שבת אַזאַ חן!**

**אַנאַטעווקע, אַנאַטעווקע,**
**פֿול מיט האַרץ, טרויעריק שוואַרץ, אַנאַטעווקע,**
**ס'איז מיר באַקאַנט דאָ יעדער שטיין.**

**ווי אַ פֿרעמדער אין דער פֿרעמד בין איך שוין באַלד,**
**וועל איך זוכן אַ באַקאַנט געשטאַלט**
**פֿון אַנאַטעווקע.**

**ווײַל איך שטאַם פֿון אַנאַטעווקע,**
**תּל געמאַכט אין איין נאַכט, אַנאַטעווקע,**
**דו, טײַער שטעטל, שטעטעלע דו מײַנס.**

גאָלדע:
איז וואָס, סתּם אַן אָרט.

מענדל:
און אונדזערע עלטער-עלטער-זיידעס האָט מען אַפֿילו ניט געגעבן קיין דרײַ טעג צײַט.

טובֿיה:
איז אפֿשר דערפֿאַר טראָגט אַ ייִד שטענדיק אַ היטל.

טיפּירט פֿון סאַבינאַ ברוקנער